מאמענט

וועכנטליכע אויסגאבע פאר דער אידישער פאמיליע

די היסטארישע שול אין פילאדעלפיע

א באזוך אין "בני אברהם", וואו איינער פון די באקאנטסטע און איינפלוסרייכסטע רבנים על אדמת אמעריקע הארט פאר'ן קריג **הרב דוב אריה לעווינטאהל ז"ל** האט געדינט אלס רב

זיי מיר מוחל!

הרב אהרן יצחק אייזנבערג שילדערט וויאזוי די "עושה שלום" ארגאניזאציע העלפט אידן זיך איבערבעטן

אבד חסיד: הישיש ר' יצחק שלמה האפמאן ז"ל

זיי שטארק און באוויז דיין שוואכקייט

א מלמד אין בעט

ערפארונגען און טיפס: שבת אין שפיטאל

עקסקלוסיוו

פינף מנינים אידן אויפ'ן ווייסן קאנטינענט

אנטארקטיקע

שניי און אייז, פענגווינען און וואלפישן, **ים-לייבן און פייגל**, הימל און בערג און **פינף א האלב מיליאן סקווער מייל** פון פארשנייטע וויסטענישן, מיט'ן **פאטאגראפיסט ר' משה הערשקא** און זיין שותף **ר' דניאל אלף**

ב"ה, פ' וארא תשע"ט
MOMENT MAGAZINE
Issue #221 | Jan. 4, 2019
NY/NJ $5.99 | Canada $6.99
UK £5.00 | E. Yisroel ₪22.00

מאמע עקסקלוסיוו

מיין נסיעה קיין אנטארקטיקע

בן מנחם

בילדער: משה הערשקא

שניי און אייז, פענגווינען און וואלפישן, ים-לייבן און פייגלען, הימל און בערג און משה הערשקא און פינף א האלב מיליאן סקווער מייל פון פארשנייטע וויסטענישן. "בערך אזוי האט עס געשפירט," דערציילט משה, דער איניציאטאר פון די כשר'ע נסיעה קיין אנטארקטיקע, טעג נאכ'ן אהיימקומען פון זיין אויסערארדנטליכער ערפארונג אין יענער אומבאוואוינטער עק וועלט.

"עס זענען דא צוויי ערליי מענטשן אויף דער וועלט," איז דער קאארדינאטאר מסדר דעם געדאנק זייער דייטליך, "די וואס ווילן זייער שטארק באזוכן אנטארקטיקע און די וואס הייבן נישט אן פארשטיין וואס טרייבט מענטשן צו דעם פענגווינען-פולן, מענטשנלאזן קאנטינענט."

אונזער פלאנעט באשטייט פון זיבן קאנטינענטן, אבער נאר זעקס זענען באזעצט מיט דעם מובחר הבריאה (צפון אמעריקע, דרום אמעריקע, אייראפע, אזיע, אפריקע און אויסטראליע), אנטארקטיקע איז דער קאנטינענט וואס האט טויזנטער יארן נישט געזען קיין מענטשן, נישטא דארט קיין ציוויליזאציע, נאטור איז דארט אומבארירט ווי א טאג נאך ששת ימי בראשית.

די הארמאניע פון כוואליעס, פייגלעך וואס זינגען, פענגווינען וואס קוויטשען, און פון צייט צו צייט אייזבערג וואס רייסן זיך אפ און פלאטשקען אריין אין וואסער מיט א זעץ, זענען די איינציגע לעבעדיגע סימנים פון דעם עלנדן שטיקל ערד, און דאס שרייט ריינע נאטור מיט טויזנט ווערטער. "דער פאקט אז דא, אינמיטן פון אלעס און פון גארנישט, שטייט דער רעלאטיוו קליינער און אומזעבארער מענטשעלע און באאבאכט דעם אויבערשטנ'ס וואונדער, דאס איז וואס ציט מענטשן אהער," פרובירט משה טרעפן די ריכטיגע ווערטער מסביר צו זיין עפעס וואס איז א שטיק געפיל. "די אומבארירטע נאטור וואס לעבט אן מענטשליכע אינטערווענירונגען, מיליאנען מייל וואס איז פוסט פון סיי וועלכער ציוויליזאציע, און איך טרעף זיך דא, אינמיטן דעם טויטן ערד-שטיקל וואס לעבט, איז נישט א לעבן וואס מיר קענען זיך פארשטעלן."

וויאזוי קומט דער קאץ איבער'ן וואסער?

"אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט א חלום," הייבט משה אן אראפצוגעבן די כראנאלאגיע. "ווי כמעט יעדער רייזנדער וואס פארט ארום דער וועלט איז אנטארקטיקע אלץ געווען מיין הויפט ציל, איך האב אבער געוואוסט אז מיינע שאנסן דארט צו גרייכן זענען נאנט צו נול." קיין אנטארקטיקע פארט מען נישט מיט קיין עראפלאן; אנצוקומען אהין נעמט מען א שיף פון דרום אמעריקע, מען פארט איבער צוויי טעג אין רוישיגע וואסערן, מען פארברענגט אויפ'ן מיסטעריעזן קאנטינענט פאר 5 טעג בעפאר מען געזעגנט זיך און מען גייט צוריק צו ציוויליזאציע.

אלעס צוזאמען וואוינט מען אויפ'ן שיף פאר 10 טעג. דאס איז אפשר נישט דער גרויסער עסק פאר דעם אלגעמיינעם רייזנדער, אבער ווען א איד וויל פארן אויף אנטארקטיקע נעמט עס אריין נאך הונדערטער פרטים וואס דארפן פאלן אין פלאץ כדי די רייזע זאל זיין אויסגעהאלטן לויט די ד' חלקי שולחן ערוך.

אין אנטארקטיקע איז כמעט נישטא קיין זון אונטערגאנג, דאס מאכט פראבלעמען מיט זמנים. אז א איד איז 10 טעג אויף א שיף קען ער נישט לעבן אויף אפאר שאכטלען טונא מיט קרעקערס, ווער רעדט נאך ווען איינס פון די טעג איז שבת און מען דארף מאכן א סעודה און מכבד זיין דעם יום שבתון מיט א כבוד. עס גייט אבער נישט אזוי גרינג, וויאזוי נעמט מען מיט אייגענע עסן פאר 10 טעג? וואו ווארעמט מען עס אן?

ביז היינט איז כמעט אוממעגליך געווען פאר א איד צו באזוכן דעם פארלאזטן קאנטינענט, די הונדערטער לאגיסטישע חלקים וואס דארפן שטימען מאכט עס זייער א ווייטע חלום, עס איז צו קאמפליצירט און ווייניג קענען נעמען אויף זיך אזא מאסיווע אונטערנעמונג. חוץ משה הערשקא, פארשטייט זיך.

שניי און אייז, פענגווינען און וואלפישן, ים-לייבן און פייגל, הימל און בערג און פינף א האלב מיליאן סקווער מייל פון פארשנייטע וויסטענישן - מיט א גרופע פון פינף מנינים אידן אין שפיץ פון דעם **פאטאגראפיסט משה הערשקא** | דער איניציאטאר פון דער נסיעה קיין אנטארקטיקע שילדערט די אטעם-פארכאפנדע ערפארונגען פון ווילן אויפ'ן ווייסן קאנטינענט אין יענעם עק וועלט

[1]

לאגיסטישע הכנות

דער חלום

משה הערשקא איז א פראפעסיאנאלער פאטאגראפירער וואס פארנעמט זיך מיט פאראייביגן גאר אינטערעסאנטע און אייגנארטיגע סעקונדן וואס אנדערע פארפאסן. איבער'ן טאג ארבעט ער אין דער פאטאגראפיע אפטיילונג פון "B&H פאטא", און פון מאל צו מאל פירט ער אן פאטאגראפיע קורסן וואו ער לערנט אויס מענטשן וויאזוי מען כאפט א פראפעסיאנאל בילד.

די וועלט איז א קאלירפולער פלאץ, עס זענען דא אסאך אינטערעסאנטע פלעצער וואו מען קען פאראייביגן שטארק אייגנארטיגע און אויג-פארכאפנדע בילדער. משה, אלס א רייזנדער וואס גלייכט אלץ צו זען נייע חלקים אין דעם אויבערשטנ'ס בריאה, האט אנגעהויבן געבן זיינע פאטאגראפיע קורסן יעדע מאל אין אן אנדערן טייל פון אונזער פילפארביגן ערד-קוגל.

משה איז גאר גוט אין מסדר זיין "אלע" דעטאלן וואס דארפן פאלן אין פלאץ. ער פארגעסט נישט אפילו קלייניגקייטן וואס וואלט קיינעם נישט בייגעפאלן אינזין צו האבן. דאס זיין לאגיסטיש אויסגערעכנט איז א מתנה וואס קומט אים שטארק צוניץ ביים רייזן צו קאמפליצירטע ערטער וואו מען דארף אלעס געדענקען, מיטנעמען און צוגרייטן, ווייל מי שטרח בערב שבת יאכל און גארנישט פאסירט אליין.

נעמען א גרופע מענטשן צו א פרעמד פלאץ איז שווער, נעמען א גרופע אידן צו א פרעמד פלאץ איז פיל שווערער, און עס איז נאך שווערער פון דעם ווען דער פלאץ וואו מען גייט איז נישט קיין אידישע, און נאך פילפאכיג שווערער איז ווען דאס פלאץ האט נישט אפילו די מינימאלסטע מענטשליכע געברויכן. מען דארף א-ל-ע-ס מיטנעמען אליין.

האבנדיג ערפארונג אין דעם האט משה אנגעהויבן טראכטן פון מאכן זיין אנטארקטיקע

חלום פאר א רעאליטעט. אבער די שוועריגקייטן וואס מען דארף איבערקומען דאס אויסצופירן זענען ווייט נישט קיין קינדער-שפיל. ווערנדיג ערנסטער מיט זיין פלאן האט משה אריינגענומען ר' דניאל אלף פון 'דענס דיעלס', א חבר זיינער מיט וועם ער האט שוין געררייזט די וועלט אפאר מאל, צו ארבעטן צוזאמען אויף דעם פראיעקט און אריינצוברענגען זאכן אין שוואונג.

אנטארקטיקע פארמאגט גראדע אפאר לופטפעלדער, אבער נישט פאר ציווילע באנוץ. איין לופטפעלד איז יא דא מיט קאמערציאלע לופט-רייזעס אהין און צוריק, אבער עס געפינט זיך נישט ממש אויף דעם זיבעטן קאנטינענט נאר אויף אן אינזל דערנעבן, עס קאסט זייער טייער און מען קומט נישט אן צו זען אפילו א צענטל פון וואס מען קען זען ווען מען גייט מיט א שיף, פשוט ווייל מיט'ן עראפלאן בלייבט מען נישט דארט פאר מער ווי א טאג.

עס איז דא נאך אן אינטערעסאנטע אפציע, מען פארט אהין מיט אן עראפלאן, דארט גייט מען ארויף אויף א שיף מיט וואס מען פארט ארום דער געגנט פאר אפאר טעג בעפאר מען פליט צוריק אהיים. "עס איז זייער פראקטיש, אבער נישט פאר אונז," איז משה מסביר פארוואס מען איז נישט געגאנגען מיט דער אפציע. "עס זייער תלוי אין די וועטער, דער עראפלאן קען נאר פליען ווען די וועטער איז רואיג, און ווען זיי מאכן אפ צו פליען פליט מען, נישט קיין חילוק ווען עס געפאלט. דאס איז אפשר נישט קיין פראבלעם אויפ'ן וועג ארויס, ווייל אויב זעט מען אז עס גייט למעשה ארויספארן שבת טרעט מען נישט ארויף אויפ'ן עראפלאן. דער פראבלעם כאפט אבער אויפ'ן וועג צוריק; נישט יעדער וויל ווייל׳ן אין קאלטן אנטארקטיקע אן קיין וועג אהיים, און דאס איז עפעס וואס קען פאסירן אויב מאכן זיי אפ איבערצולאזן דעם קאנטינענט אום שבת. אין מציאות, אבער, וועט עס נישט געשען, ווייל זיי וועלן צווינגען יעדן ארויפצוגיין אויפ'ן פליגער.

"חוץ דעם שבת פראבלעם איז עס אויך זייער אומפראקטיש צוליב אסאך אנדערע סיבות: די מאקסימום וואג וואס יעדער פאסאזשיר מעג ארויפברענגען אויף דעם פליגער/שיף איז 40 פונט. אונזער טלית ותפילין בייטל אליין וועגט זיבן/אכט פונט. ווער רעדט נאך ווען מען דארף מיטנעמען כשר'ע עסן און אנדערע געברויכן."

אלזא, בלייבט די איינציגע אפציע צו נעמען א שיף. זאגן זאגט זיך עס גאנץ גרינג, נאך אלעם זענען כסדר דא שיף רייזעס פון דרום אמעריקע צו אנטארקטיקע, נו, פונקט ווי טויזנטער גויים קענען גיין מיט די שיפן קענען מיר דאך אויך גיין, נייִן? ניין, ס'איז ווייט פון פשוט.

דוקא מאנטאג

הלכה'דיג טאר א איד נישט זיין אויף א שיף אום שבת נאר אויב רוב רייזנדע זענען גויים. – דאס שליסט אויס דינגען א פריוואטע שיף וואס זאל צושטעלן אלע אידישע געברויכן אויף א גאלדענעם טאץ.

הלכה'דיג טאר א איד נישט ארויספארן מיט א שיף ווייניגער ווי דריי טעג פאר שבת אויב גייט ער בלייבן אויף דער שיף אום שבת. – דאס שליסט אויס אלע שיפן וואס לאזן זיך ארויס מיטוואך, דאנערשטאג, פרייטאג און, פארשטייט זיך, שבת.

דאס פלאץ פון וואו די שיף לאזט זיך ארויס הייסט אושוואיא (Ushuaia), דאס איז א שטאט אין ארגענטינע וואס איז די נידריגסטע שטאט אין דער וועלט, אינאיינוועגס אויך די נענטסטע צו אנטארקטיקע. דער פראבלעם איז נאר אז דארט איז זייער שווער צו ווייל׳ן אויף שבת צוליב וואס מען קען נישט אריינברענגען אהין קיין עסן. – דאס שליסט אויס שיפן וואס לאזן זיך ארויס זונטאג, ווייל דאס מיינט אז מען וועט דארפן זיין אין אושוואיא אויף שבת. עס שליסט אויך אויס שיפן וואס פארן ארויס דינסטאג, ווייל די נסיעה דויערט 10 טעג און אז מען פארט ארויס דינסטאג קומט מען אן צוריק פרייטאג און עס בלייבט נישט גענוג צייט אוועקצופארן פון דארט בעפאר שבת.

קומט אויס אז דער איינציגסטער טאג אין וואך וואס עס איז פארבליבן אפן אויף ארויסצופארן איז געווען מאנטאג. האלט מיר שוין אויף א וועג, דער פראבלעם איז אבער אז שבת איז נישט די איינציגסטע אפהאלט, וואס טוט זיך מיט כשרות? 10 טעג אויף א שיף איז לאנג, און מען דארף קענען עסן נארמאלע מאלצייטן. דער פראבלעם איז אבער אז די שיפן שטעלן צו דאס עסן און מיטנעמען אייגענע קומט כמעט נישט אין באטראכט.

דארף מען טרעפן א פירמע וואס איז גרייט ארויפצולאזן כשר'ע עסן און האט אויך א שיף וואס פארט ארויס מאנטאג. אינטענסיווע פארש-ארבעט האט נאך לאנגע וואכן צוריקגעברענגט איין רעזולטאט: א קאנאדישע פירמע וואס אפערירט א שיף מיט פלאץ פאר 150 פאסאזשירן פון און צו אנטארקטיקע דורכאויס דעם ווינטער סעזאן ביי אונז, וואס איז דער זומער סעזאן אין אנטארקטיקע. די מעשה איז נאר אז פון אלע זייערע רייזעס אהין און צוריק האבן זיי נאר איין רייזע דורכאויס די קומענדיגע צוויי יאר וואס גייט זיך אנהייבן אויף א מאנטאג.

דער פראבלעם מיט יענעם ספעציפישן מאנטאג איז געווען צווייפאכיג: 1) עס איז אויסגעפאלן א טאג נאך זאת חנוכה, דאס מיינט אז דעם אכטן חנוכה לעכטל וועט מען דארפן צינדן ערגעצוואו אין דרום אמעריקע. 2) עשרה בטבת געפאלט פונקט אינמיטן דער נסיעה. א תענית אין אנטארקטיקע געדויערט 24 שטונדן, ווייל עס איז כמעט נישטא דארט קיין זון אונטערגאנג.

משה האט אבער אפגעמאכט איבערצוקומען די צוויי שטערונגען און האט אנגעהויבן ארבעטן אויף דער מאנטאגדיגער שיף.

די מעלה פון דער ספעציפישער שיף איז געווען אז נישט נאר זענען זיי גרייט געווען מיטצוארבעטן מיט אלע אידישע געברויכן, זיי זענען גאר געווען פרייליך דאס צו טון. דער בעה"ב פון דער שיף איז א אידיש קינד, מער טראדיציאנאל און נישט רעליגיעז. איין זאך, ער איז שטאלץ צו זיין א איד און איז געווען מער ווי וויליג צו העלפן אידן אויספירן וואס זיי דארפן. "דאס איז געווען א גרויסע געווינס," ערקלערט משה, "ווייל מיר האבן געדארפט גאר וויכטיג האבן זייער אסאך מיטארבעט פון דער שיף, אזויפיל דעטאלן האבן געמוזט פאלן אין פלאץ כדי אידן זאלן דארט קענען ווייל׳ן פאר 10 טעג אז אויב וואלטן זיי נישט געהעריג מיטגעארבעט וואלט די נסיעה נישט געקענט פאסירן."

איינמאל מען האט געהאט די שיף האט מען געקענט אנהייבן פובליצירן די בשורה איבער דער היסטארישער נסיעה. "אונזער ציל איז געווען אנצוקומען צו ארום 25 מענטשן. איך האב געטראכט אז אויב וועלן זיין 30 רייזנדע וועט עס זיין אן אומדערהערטן סוקסעס. אין פאקט האט זיך אבער ארויסגעשטעלט א גאר אינטערעסאנט בילד: טויזנטער אידן פון איבער דער גארער וועלט האבן זיך פאראינטערעסירט אין דער איינמאליגער געלעגנהייט און ביז געציילטע וואכן האבן מיר געהאט 50 איינגעשריבענע.

"איך האב אנגעהויבן זען אז עס ווערט צו גרויס און עס וועט באלד אוממעגליך זיין יעדן צו סערווירן, אזוי אויך איז הלכה'דיג א פראבלעם צו האבן צופיל מער פון דעם ווייל אידן טארן נישט פארנעמען דעם רוב פון א שיף וואס אפערירט אום שבת.

אפילו אזוי איז נאכאלץ דא גענוג שיטות איבער די זמנים, אפילו נאר נאנט צום שפיץ, אבער דא איז אונז געווען זייער גרינג מחמיר צו זיין ווי אלע שיטות ווייל די חילוקים זענען נאר אין צוואנציג מינוט, נישט אין טעג, וואכן אדער יארן. **די נסיעה ארגאניזירער רעכענען אויס זייער פינקטליכע לאקאציע מיט'ן שיפ'ס קאפיטאן כדי צו לאזן וויסן פארן עולם די זמנים פונעם טאג**

"אפילו נאכ'ן אפשטעלן דאס איינשרייבן האבן די בקשות נישט אויפגעהערט אריינקומען. מיר האבן געהאט א לאנגע ליסטע מיט מענטשן וואס האבן געווארט און געהאפט אז אפשר וועט איינער נישט קענען קומען און זיי וועלן איבערנעמען יענעמ'ס פלאץ. למעשה זענען מיר ארויסגעפארן מיט 51 היימישע אידן, אין דעם איז אריינגערעכנט מיר, מיין שותף ר' דניאל פון "דענ'ס דיעלס", צוויי קעכערס און א משגיח פאר כשרות."

צוויי טויזנט כשר'ע מאלצייטן

די רייזע קיין אנטארקטיקע האט, ווי געזאגט, אריינגענומען גאר אסאך שאלות אין הלכה וואס האבן געדארפט ווערן אויסגעארבעט בעפאר מען לאזט זיך ארויס. איינס פון די הויפט שאלות איז זמנים: ווען מען פארט קיין אנטארקטיקע גייט מען מער און מער צו דרום, דאס מאכט די נאכט קלענער און קלענער ביז ווען מען קומט אן צום סאמע שפיץ איז שוין נישטא קיין נאכט. אז עס איז נישטא קיין שקיעה ווייסט מען נישט ווען שבת איז.

עס איז א גרויסע מחלוקת הפוסקים וויאזוי מען דארף האלטן שבת אין דרום שפיץ פון דער וועלט. פאראן וואס האלטן אז מען דארף האלטן זעקס יאר ווי די ששת ימי המעשה און דעם זיבעטן יאר שבת, ווייל לויט ווי דער זון גייט דארט קומט אויס אז א טאג איז דארט א יאר. אנדערע האלטן מען זאל גיין לויט די זמנים פון דעם פלאץ וואו מען וואוינט; לויט די זמנים פון ירושלים; האלטן שבת פאר 24 שעה אנגעהויבן פון זעקס אזייגער; האלטן שבת באזירט אויף די זמנים פון דעם נענטסטן פלאץ וואס האט יא א זון אונטערגאנג, אדער האלטן שבת לויט דעם פלאץ פון וואו מען איז ארויסגעפארן. די פארשידנארטיגע שיטות זענען פארקערט איינס פונעם אנדערן און עס איז א גרויסער בדיעבד זיך אריינצולאזן אין דער שאלה.

"מיר האבן אויסגעמיטן דעם גרויסן מחלוקת ווייל מיר זענען ארויסגעפארן רעלאטיוו פרי אין דעם סעזאן, ווען עס הייבט זיך אן דער ארטיגער זומער, די אייז איז נאכנישט אזוי צעלאזט ווי שפעטער אין יאר און דאס מאכט די שיף זאל נישט קענען אנקומען גענוג ווייט צו די פלעצער וואו עס איז שוין אינגאנצן נישטא קיין טאג. דאס האט זייער געהאלפן, ווייל מיר האבן אלץ געהאט ווייניגסטנס א קורצע נאכט וואס האט געזאגט ווען דער נייער טאג הייבט זיך אן.

"אפילו אזוי איז נאכאלץ דא גענוג שיטות איבער די זמנים, אפילו נאר נאנט צום שפיץ, אבער דא איז אונז געווען זייער גרינג מחמיר צו זיין ווי אלע שיטות ווייל די חילוקים זענען נאר אין צוואנציג מינוט, נישט אין טעג, וואכן אדער יארן."

פון די שווערסטע לאגיסטישע חלקים וואס אנפירן אזא נסיעה ברענגט מיט זיך איז דאס צוגרייטן די כשר'ע עסן. מיר האבן געדארפט אפקאכן צוויי טויזנט כשר'ע מאלצייטן וואס זאלן פיטערן 51 פאסאזשירן פאר 10 טעג. משה האט געארבעט לאנגע חדשים דאס צושטאנד צו ברענגען און ער לייגט אראפ אביסל פון וואס דאס האט אריינגענומען: "די ערשטע זאך וואס מען דארף זארגן, נאך בעפאר דאס ערשטע שטיקל פלייש ווערט געקאכט, איז וויאזוי גייט דאס עסן אנקומען אויף דער שיף. יא, מיר האבן געהאט א שיף וואס איז גרייט מיטצוארבעטן מיט אונז, אבער וויאזוי קומען די עסן איבער'ן וואסער?"

די שיף ווערט גענוצט זומער ארומצופארן איבער די וואסערן אין צפון זייט פון דער וועלט און ווינטער גייט עס קיין אנטארקטיקע. שיקן די עסן קיין אושוואיא פון וואו די שיף פארט ארויס איז אוממעגליך, די קאסטומס דארט איז געפערליך שטרענג, מען טאר דארט נישט אריינברענגען קיין פלייש און עס איז כמעט ווי אוממעגליך אריינצוזען דארט אפאר טויזנט

מיין נסיעה קיין אנטארקטיקע

פונט פון כשר'ע עסן.

"צו אונזער מזל," פארציילט משה ווייטער, "גייט די שיף קיין קאנאדע פאר אפאר טעג וואו זיי לאדענען ארויף אלעס וואס זיי וועלן דארפן האבן פאר'ן בעפארשטייענדן אנטארקטיקע סעזאן, און פון דארט פארט עס אראפ קיין אושוואיא. מיר האבן געוואוסט אז אויב ווילן מיר רייזן אויף דער שיף דארף דאס עסן ארויפגיין דורך קאנאדע.

"מיין שותף ר' דניאל האט א קרוב אין קאנאדע וואס האט אונז צאמגעשטעלט מיט א קעיטערער וואס האט ערפארונג צוצושטעלן מסיבות אין האטעלן און אין אנדערע פלעצער וואו מען דארף זארגן אויף כשרות. מיר האבן אנגערופן דעם קעיטערער און געפרעגט צי ער וואלט אנגענומען די ארבעט פון אפקאכן צוויי טויזנט כשר'ע מאלצייטן און עס אפשיקן קיין אנטארקטיקע. זיין ענטפער איז געווען פאזיטיוו.

"עס איז נישט בלויז די מאלצייטן, מען דארף זיין זייער אויסגערעכנט און וויסן פון פאראויס אלעס וואס איינער גייט נאר אפשר דארפן האבן. מען דארף געדענקען אזעלכע קלייניגקייטן ווי זאלץ, פוטער, קעטשאפ, עסציג. פון אלעס דארף זיין גענוג און איבער גענוג ווייל וואס מען ברענגט מיט דאס האט מען ומכלל הן אתה שומע לאו."

למעשה האט דער קעכער צוגעגרייט א שפע פון פינף "סקיטס" פול מיט גרייט-פארפאקטע עסן! אבער וויאזוי האלט מען עס פריש? די שיף האט דאך נישט קיין פלאץ פאר אזויפיל עסן. "מיר האבן באשטעלט א ספעציעלן פריזער וואס איז ארויפגעגאנגען אויף דער שיף. מיר האבן צוגעגרייט דארט א באזונדערן קאך פאר אונז."

למעשה איז אויסגעקומען אז די שיף האט נישט געטראפן קיין בעסערע צייט ווען צו אנקערן אין קאנאדע ווי צווישן יום כיפור און סוכות... און, צוליב א שטורעם איז די שיף אנגעקומען שפעט און בלויז אפאר שעה פאר שבת איז עס גרייט געווארן. "א האלבע שעה פאר'ן זמן הדלקת הנרות באקום איך א רוף פון די קעיטערער אז קאסטומס לאזט נישט ארויף די עסן אויפ'ן שיף! זיי האבן געוואלט קודם באקוקן וואס עס ליגט דארט, און אנדערע ווערטער טראנספארמירן צענדליגער טויזנטער דאלארן ווערד פון כשר'ע עסן צו ווערדלאזע אביעקטן, ווייל אויב ווערט די פלייש געעפנט פון זייער אריגינעלע פארפאקונג פארלירט עס דעם כשרות סטאטוס.

"אפאר לאנגע און אנגעצויגענע מינוטן פון שתדלנות איז דורך און מיר האבן אפגעאטעמט הערנדיג די בשורה אז זיי זענען מסכים עס ארויפצולאזן אויב געט מען זיי א ליסטע מיט פינקטליך וואס עס ליגט דא. א האלבע שעה פאר'ן זמן איז דער קעכער אריבערגעלאפן צו זיין אפיס זיי צו שיקן די ליסטע און ב"ה, מינוטן פאר שבת האט אויסגעשפרייט אירע פליגלען האב איך באקומען די מעלדונג אז די עסן געפינען זיך שוין אויף דער שיף." נאך א מיילשטיין אדורך און א טריט נענטער צום פארהוילענעם קאנטינענט.

צוגרייטן די שיף

אויסרישן א שיף פאר 50 אידן וואס גייען דארט ווילן פאר 10 טעג האט פארלאנגט חדשים פון אויסגערעכנטע פלאנירונג. עס זענען געווען אזויפיל קלייניגקייטן וואס האבן געדארפט פאלן אין פלאץ, און יעדע נישטיגע דעטאל קען ווערן א קאמפליצירטן עסק ווען מען נעמט אין באטראכט די פילע געזעצן און פארלאנגען וואס מען דארף נאכקומען. "אלעס צוזאמען האב איך אפגעציילט איבער אכצן הונדערט אימעיל מעסעדזשעס צווישן מיר און די שיף," שאקירט אונז דער אנטארקטיקאנער העלד, "דאס איז חוץ די צענדליגער שעות אויפ'ן טעלעפאן וואס מען האט אריינגעלייגט אויסצוארבעטן אלע דעטאלן."

א קליינע משל איז די מחיצה, ווי דער קאארדינאטאר טיילט מיט: "מיר האבן באקומען א גרויסן שטוב וואס איז געווארן אונזער בית המדרש, מיר האבן אבער געוואלט דארט לייגן א מחיצה, און דאס איז ווייט פון א פשוט'ן עסק. סתם מחיצות זענען זייער נישט פראקטיש פאר א שיף ווייל ווען די שיף שאקלט זיך פאלט עס צו אלע זייטן. בויען א וואנט אדער סיי וועלכע זאך וואס וועט לאזן שפורן אויף דער שיף האבן זיי נישט געוואלט. נאך שעות אויפ'ן טעלעפאן און צענדליגער מעסעדזשעס אהין און צוריק איז מען אויפגעקומען אויף א דעזיין פון א מחיצה וואס וועט ארבעטן דורך וועלקרא און יוצא זיין אלע דעות."

די ספר תורה איז אויך געווען א גאנצע מאכערייקע. קודם, וואו שאפט מען איינעם וואס זאל וועלן בארגן א ספר תורה וואס גייט גיין צום וויסטן קאנטינענט? ענדליך האט מען געטראפן איינעם וואס האט מסכים געווען איז ער צוריקגעקומען שפעטער מיט די שלעכטע נייעס אז מען האט געטראפן א פסול אינעם ספר. נאך וואכן פון ארבעט האט מען ענדליך געמאכט קשר מיט א איד וואס פירט א גמ"ח פון ספרי תורה און מען האט געהאט א ספר.

שלעפן דעם ספר קיין אנטארקטיקע איז אויך געווען ווייט פון פשוט: "איך האב עס אלץ געהאט מיט מיר אויפ'ן רוקן. אויפ'ן פליגער ווי אין האטעל, וואו מען איז געגאנגען איז די ספר תורה מיטגעקומען מיט מיר. איינמאל פאר'ן ארויפגיין אויף א פליגער האט די מאנשאפט אויסגערופן אז עס איז שוין נישטא קיין פלאץ פאר פעקלעך און אלע רענצלעך מוזן ווערן אריינגעגעבן. עס האט מיר אנגעכאפט א ציטער, אבער א קורצע הסבר ווי טייער דער ארטיקל איז און אז עס איז א אידישע רעליגיעזע חפץ, האט געמאכט די ארבעט און זיי האבן מיר ב"ה ארויפגעלאזט דערמיט."

וואס טוט מען מיט וואסער? אלע קראנען אויף דער שיף זענען אין בית הכסא, עפעס וואס האט געמאכט נאך א פראבלעם מיט וואס מיר האבן זיך געדארפט ספראווען: "מיר האבן געדארפט אנגרייטן ריזיגע פעסער מיט וואסער פאר'ן עולם זיך צו וואשן. דאס וואסער וואס איז דארט צוגעשטעלט צו טרינקען ארבעט מיט עלעקטריק, עפעס וואס מאכט א פראבלעם שבת, האט מען ווידער געמוזט האבן גרייט פעסער מיט וואסער וואס די שיף מאנשאפט האט כסדר געארבעט אנצופילן."

אז מען רעדט פון וואסער איז אינטערעסאנט אז דאס וואסער אויף דער שיף קומט פונעם אקעאן, עס גייט דורך א מעכאניזם וואס נעמט ארויס די זאלץ און אנדערע באשטאנדטיילן און אזוי טרינקט מען עס. "דאס איז פון די ריינסטע וואסער וואס מען קען נאר האבן אויף דער וועלט, און עס איז זייער גוט געווען."

[2]

די נסיעה

חנוכה לעכט אין אושוואיא

דאנערשטאג, פרשת מקץ, כ"ח כסלו, יום ד' דחנוכה: מיט זעק און פעק פארט משה הערשקא צום לופטפעלד און כאפט א פליגער קיין מיאמי, פלארידע. די נסיעה אויף וואס ער ווארט שוין יארן, און ארבעט דערויף חדשים, איז ענדליך אין שוואונג.

פון מיאמי איז ער געפארן קיין בואנעס-איירעס, ארגענטינע, צוזאמען מיט נאך אפאר פון די אנפירער. זיי האבן געהאט א שיינעם שבת דארט. מוצאי שבת האבן די איבעריגע נסיעה מיטגלידער געכאפט פליגערס פון ארום דער וועלט קיין ארגענטינע. די געסט זענען געווען פארשידנארטיג, פון חסידים ביז ליטאים ביז חב"ד'סקער. אידן פון ארום די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, לאנדאן און ארץ ישראל, יעדער מיט איין ציל: שטעלן טריט אויף דעם קאנטינענט וואס מען זעט עס נישט יעדן טאג.

זונטאג צופרי זענען זיי געפלויגן פון בואנעס-איירעס קיין אושוואיא, די שטאט וואס ווערט גערופן 'די ענדע פון דער וועלט' צוליב וואס עס איז געאגראפיש די נידריגסטע שטאט אויף אונזער ערד-קוגל. ארום 8 אזייגער זונטאג נאכט זענען רוב באטייליגטע אנגעקומען קיין אושוואיא וואו מען האט געצינדן חנוכה-לעכט צוזאמען און דערנאך אפגעהאלטן א פרייליכן חנוכה-פארברענג מיט לאטקעס און פאנקען, עפעס וואס האט געבראכן א רעקארד צו זיין די געאגראפיש-נידריגסטע מנורה-צינדן און חנוכה פארברענג אויף דער וועלט.

חנוכה לעכט אין נידריגסטן טייל פון דער וועלט

מען איז איבערגעשלאפן זונטאג נאכט אין א האטעל דארט אין שטאט. מאנטאג האט מען אויסגענוצט די פריע שטונדן ארומצוגיין אביסל אין דעם אינטערעסאנטן פלאץ בעפאר עס איז געקומען די צייט צו גיין צו דער שיף.

נישטא קיין גאז!

אפיציעל איז געווען אין פלאן פאר דער שיף ארויסצופארן מאנטאג 4 אזייגער נאכמיטאג. למעשה האט זיך געשאפן א געפערליכער קריזיס: עס איז אנגעקומען די ידיעה אז אושוואיא איז אויסגעלאפן פון גאזאלין. פשוט, דאס צוריקגעשטאנענע שטעטל האט נישט גענוג גאז, און דאס מיינט אז די שיפןביים פארט קענען זיך נישט אנפילן און אם אין גאז נסיעה מנין. אן גאז פארט נישט קיין שיף ארויס פון האפן.

"עס זענען געווען אפאר גרויסע שיפן געאנקערט דארט ביים פארט," עראינערט זיך משה צו די אנגעצויגענע מאמענטן ווען עס האט אויסגעזען ווי זאכן הייבן אן פארן אין שלעכטן ריכטונג, "זיי זענען אלע געווען אין זעלבן פעקל. למעשה האט אונזער שיף געטראפן אן עצה. נישט ווייט פון אושוואיא איז דא א גרופע פון אינזלען "די פאלקלאנד אינזלען", דארט איז יא געווען גאז. בליץ-שנעל האט מען אונז געמאלדן אז מען לאזט זיך ארויס אין ריכטונג פון די פאלקלאנדס.

"פאר ארום דרייסיג יאר צוריק איז געווען א גרויסע מלחמה צווישן ענגלאנד און ארגענטינע איבער די בעלות פון די אינזלען, למעשה באלאנגט עס היינט פאר ענגלאנד און באזוכער וואס גייען אהין גייען טעארעטיש אריין אין ענגלישער טעריטאריע. עס איז אינטערעסאנט אז עס זענען נאך היינט דא לעבעדיגע מינעס אויסגעשפרייט איבער די וויסטענישן פון דעם אינזל, שיריים פון דער מלחמה, און מען דארף שטארק אכט געבן וואו מען גייט."

דער אפיציעלער פלאן איז געווען אנצוקומען קיין אנטארקטיקע מיטוואך שפעט ביינאכט, למעשה האט מען פארלוירן אנדערטהאלבן טאג צוליב דעם אומוועג צו די פאלקלאנד אינזלען און דאס האט געמאכט מען זאל נישט אנקומען צום פארפרוירענעם קאנטינענט בעפאר פרייטאג אינמיטן טאג.

מאנטאג נאכמיטאג האט דער עולם זיך באקוועם געמאכט אויף דער שיף, און... ויסעו! מען לאזט זיך ארויס צו די פאלקלאנדס. "אויפ'ן וועג פארט מען דורך א חלק אין דעם אקעאן וואס רופט זיך 'די ביגעל טשענעל', דאס איז גאר א שיינע וואסער מיט הערליכע פאנאראמעס וואס כאפן דעם אויג. פייגלעך פליען נאך דער שיף און פון צייט צו צייט באווייזן זיך דאלפין פישן מיט זייער גאנצן גלאנץ.

"אביסל שפעטער אויפ'ן וועג קומט מען אן צו וויסטענישן ארומגענומען פון אלע זייטן מיט בלויז וואסער. אבער די פייגלעך, זיי געבן נישט אויף. צענדליגער פייגלעך פליען נאך די שיף געבנדיג פאר די רייזנדע א גאר אינטערעסאנטע מחזה מיטצוהאלטן. די סיבה צום דעם איז ווייל די שיף שטורעמט אויף דאס וואסער און דאס ברענגט פישן זאלן ארויפשווימען און די פייגלעך כאפן די פיש און עסן א פיינעם מאלצייט. איינס פון די גאר אינטערעסאנטע פייגלעך וואס

דער [illegible] פייגל פליט נאך דעם שיף

די וועלט'ס גרעסטע פייגל, די "וואנדערינג אלבעטראס"

מיר האבן דארט געהאט איז די 'וואנדערינג אלבעטראס' (Wandering Albatross), דאס איז דער גרעסטער פייגל אויף דער וועלט, כמעט 12 פיס ברייט! און, לויט'ן חשבון לאנדעט נישט דער פייגל פאר אזוי לאנג ווי אכט יאר! עס עסט אין דער לופטן, עס שלאפט מיט אפענע אויגן בשעת'ן פליען!"

דינסטאג צופרי איז די שיף אנגעקומען צו די אינזלען. מען האט געדאוונט פרי, געגעסן פרישטאג און אכט אזייגער איז יעדער אראפגעגאנגען פון שיף. "די פאלקלאנדס איז זייער א שיינע פלאץ. עס איז טאקע נישט אנטארקטיקע, אבער אז מען דארף גיין נעמען גאז איז דאס דער בעסטער אויסוואל." מען איז געגאנגען דארט צו א פלאץ וואו עס זענען דא אלע סארטן פייגלעך און פענגווינען. מען האט געקענט זען ווי פייגלעך בויען זייער נעסט און אנדערע אינטערעסאנטע וואונדער וואס מען זעט נישט יעדן טאג.

נאכ'ן ווילן אפאר שעה אויף די פאלקלאנדס איז געקומען די צייט זיך ארויסצולאזן צום מיסטעריעזן קאנטינענט.

שטורמישע כוואליעס

אנצוקומען פון ארגענטינע, אדער, אין אונזער פאל, די פאלקלאנדס, צו אנטארקטיקע דארף מען דורכפארן די "דרעיק פאסאדזש" (Drake Passage), דאס איז די שטורמישסטע וואסער וואס איז פארהאן אויף דער וועלט. די סיבה דערצו איז משה מסביר: "דארט איז דער איינציגסטער פלאץ אין דער וועלט וואס ווען עס פארמירט זיך א שטורעם האט עס נישט וואו זיך אפצושטעלן, ווייל עס איז נישטא קיין יבשה אינעם גאנצן ארום. דאס איז א רעלאטיוו שמאלע דורכגאנג צווישן דרום אמעריקע און אנטארקטיקע און די אלע גרויסע שטורעמס דארפן דארט דורכגיין. דאס איז די סיבה פארוואס די וואסערן ארום אנטארקטיקע איז אזוי רייך מיט אלע סארטן פיש און אנדערע בעלי חיים, ווייל דאס וואסער דרייט זיך און אלעס וואס איז דארט בלייבט דארט."

אויב איז דא א שטורעם בשעת מען פארט דארט אדורך קען עס מאכן אן ערנסטן פראבלעם פאר די רייזנדע, מען הייבט אן איבלען, מען ווערט ים-קראנק און עס איז ווייט פון געשמאק. אלע פאסאזשירן האבן באקומען ספעציעלע מעדיצין וואס מען נעמט דורכ'ן לייגן א 'פעטש' אונטערן אויער, און דאס האט געדארפט האלטן דעם עולם אין די גלייזן. "מען רעדט נישט דא פון קיין דרעמעמיין..." קלארט משה אויס, "עס איז ערנסטע מעדיצין."

אויפ'ן וועג אהין איז ב"ה געווען גאנץ רואיג, עס איז נישט געווען קיין ערנסטן שטורעם, אפאר כוואליעס דא און דארט, אבער פיל בעסער ווי עס קען ווען זיין. אויפ'ן וועג צוריק איז יא געווען שווערער, ווי געשילדערט שפעטער.

פארנדיג צוויי טעג אויפ'ן "דרעיק פאסאדזש" האבן די רייזנדע געקענט זען אסאך אינטערעסאנטע פיש און פייגל. פון צייט צו צייט זענען ארויפגעשווימען ריזיגע וואלפישן. מען האט אויסגענוצט די צייט צו לערנען מער איבער די פלעצער וואו מען פארט. סייענטיסטן האבן געגעבן רעדעס איבער אלע פארשונגען וואס זיי פירן אויס אויף דעם פארלאזטן קאנטינענט. משה האט געגעבן פאטאגראפיע קורסן און זיין שותף פון "דענס דיעלס" האט געגעבן קורסן וויאזוי צו מאקסימיזירן קרעדיט קארטל פוינטס און עירליין מיילס פאר לוקסוריעזע רייזעס ארום דער וועלט.

אז אידן קומען זיך צוזאם וועט מען אוודאי נישט פארפאסן צו זיצן און לערנען. דורכאויס די צייט וואס מען איז געפארן איז געווען א טעגליכער שיעור אין דף היומי פאר די מענער און שמירת הלשון פאר די פרויען. איינער האט געגעבן א הלכה'דיגע שיעור איבער די זמנים אין אנטארקטיקע, א צווייטער האט געגעבן א שיעור אויף הלכות יין נסך. מען האט געדאוונט שחרית, מנחה און מעריב, געגעסן ברייטע סעודות וואס זענען נאך צוגעגרייט געווען פון קאנאדע, און דער עולם האט הנאה געהאט פון צוויי רואיגע טעג.

פענגווין אינזל

נאך א נסיעה פון צוויי און א האלב טעג איז מען אנגעקומען צו דער ערשטער דעסטינאציע: אפאר אינזלען וואס שטייען נישט מער ווי אפאר

דורכאויס די צייט וואס מען איז געפארן איז געווען א טעגליכער שיעור אין דף היומי פאר די מענער. **ביים שיעור.**

שעה אוועק פון אנטארקטיקע. געווען איז דאס פרייטאג פרשת ויגש אינדערפרי. אפיציעל איז געווען אין פלאן אראפצוגיין צו דעם אינזל, אבער דער וועטער האט עס נישט ערלויבט און זיי האבן געמוזט בלייבן אויף דער שיף און באטראכטן דעם אינזל פונדרויסן.

לויט ווי משה זאגט ווילט מען אין אנטארקטיקע פאר 5 טעג, יעדן טאג גייט מען אראפ פון שיף אויף צוויי אנדערע לאקאציעס און איבעראל זעט מען פארשידנארטיגע אינטערעסאנטע וואונדער פון דער בריאה. דאס מיינט אז לויט'ן פלאן האט מען געדארפט באזוכן 10 דעסטינאציעס. למעשה האט מען פארלוירן א טאג און א האלב אין די פאלקלאנדס, דאס האט אראפגעברענגט דעם נומער צו זיבן. שבת זענען זיי נישט אראפ פון שיף, דאס האט געמיינט אז עס בלייבט ביי 5, און יעצט אז מען האט נישט געקענט אראפגיין פרייטאג איז מען געבליבן מיט פיר.

דער אינזל וואו מען איז אנגעקומען פרייטאג איז איינס פון א גרופע אינזלען וואס שטייען גלייך נעבן אנטארקטיקע און אלע שיפן שטעלן זיך דארט אפ, ווייל עס איז זייער אינטערעסאנט. עס זענען דא דארט פלעצער וואס זענען נישט אינגאנצן באדעקט מיט שניי, עס זענען דא אסאך בערג און אייז-בערג, עס איז פול מיט פענגווינען וואס טאנצן ארום ווי קינדער אין שניי. "מיר האבן נישט געקענט אראפגיין, מיר האבן אבער מיטגעהאלטן דאס

פענגווינען און הערליכע פייגלעך אין די פאלקלאנד אינזלען

מיר האבן נישט געקענט אראפגיין, מיר האבן אבער מיטגעהאלטן דאס לעבן וואס שפילט זיך דארט אפ: טויזנטער פענגווינען און א הערליכע סצענע פון הימל, שניי, בערג און ים.

לעבן וואס שפילט זיך דארט אפ: מיר האבן געזען צוויי גיגאנטישע ים-עלעפאנטן שלאגן זיך ארום איינער מיט'ן צווייטן, טויזנטער פענגווינען און א הערליכע סצענע פון הימל, שניי, בערג און ים."

אין אנטארקטיקע איז דער כלל אז זיכערהייט איז אייביג ערשט. "מען דארף פארשטיין," ערקלערט אונז משה דער עקספערט, "אין אנטארקטיקע איז נישטא קיין שפיטאל אדער דאקטאר, אויב עפעס פאסירט ח"ו איז די איינציגסטע עצה צו מאכן א בואי בשלום און אנקומען אין שפיטאל דריי טעג שפעטער. אזוי איז טאקע געווען אפאר וואכן בעפאר אונזער נסיעה ווען איינס פון די פאסאזשירן איז ערנסט פארוואונדעט געווארן און מען האט זיך געדארפט צוריקדרייען. אפילו אין אזעלכע פעלער איז נישט פראקטיש אריבערצוברענגען א פליגער ווייל א פליגער קען דארט נאר לאנדן ווען די וועטער ערלויבט, און מער מאל קען מען נישט לאנדן ווי יא לאנדן, און די שיף בלייבט די שנעלסטע טראנספארטאציע מיטל.

"מיר האבן גראדע געהאט א דאקטער אויף דער שיף, אבער ווען איך האב מיך אויסגעבויגן די פיס האט ער מיר געגעבן א באנדאזש... דאס ווייזט אביסל פון וועלכן 'דאקטער' מ'רעדט. דער פאקט אז אויב מאכט זיך עפעס ח"ו איז נישטא צו סך וואס מען קען טון איז די סיבה פארוואס מען איז זייער אויסגערעכנט נישט אונטערצונעמען קיין זאכן וואס קענען זיין א סכנה, און דאס איז די סיבה פארוואס ווען מען איז אנגעקומען צו דעם פענגווין אינזל האט מען אונז נישט אראפגעלאזט, ווייל דער וועטער איז געווען צו ווילד."

משה איז מסביר פארוואס די וועטער שפילט א ראלע אין דעם באשלוס צי מען זאל יא אדער נישט אראפגיין פון שיף: "אנטארקטיקע איז פוסט, עס איז נישטא קיין האפן אדער בארטן וואו שיפן קענען אנקערן, אונזער שיף קען נישט צופארן צו נאנט צו יבשה ווייל עס האט נישט וואו צו לאנדן. ווען די פאסאזשירן גייען ארויף אויפ'ן קאנטינענט טוט מען עס דורך קלענערע מאטאר שיפלעך, עס גייען אריין 10 מענטשן אין יעדן שיפל און מיט דעם פארט מען צו צום לאנד. אויב די וועטער איז ווילד איז א סכנה צו זיין אויפ'ן וואסער מיט די קליינטשיגע שיפלעך."

שבת קודש "על מי מנוחות"

"פרייטאג דורכ'ן טאג איז געווען זייער ווינטיג, אויף אזוי ווייט אז מען האט נישט געקענט אראפגיין פון שיף. אבער ווי נאר עס איז געקומען דער זמן קבלת שבת האט זיך אלעס אפגעשטעלט, ממש אין א בחינה פון בא שבת בא מנוחה. דאס וואסער האט זיך בארואיגט, די ווינטן זענען פארשוואונדן געווארן, עס האט זיך אנגעהויבן אראפלאזן א קליינע רואיגע שניי און א דראמאטישע שטילקייט האט באהערשט דעם האריזאנט.

"מיר האבן מקבל שבת געווען 'פרי', בלויז 9:20 ביינאכט, אפאר שעה פאר דער ארטיגער שקיעה. מען האט געדאווענט אינאיינעם מיט א געוואלדיגער געהויבנקייט. ביי בואי בשלום האט מען זיך ארויסגעלאזט פאר א רקידה'לע אויפ'ן דעק פון שיף. דער עולם איז געווען שטארק באחדות און גוטמוטיג גרייט אריינצונעמען דעם שבת צו אונזער זעלטענער נסיעה דא אינמיטן פון גארנישט.

"נאכ'ן דאווענען האט זיך דער עולם געזעצט צו א רייכע צוגעשטעלטע שבת סעודה מיט אלעס וואס א שבת סעודה דארף נאר האבן, פון כל-ערליי ווין ביז חלה, דיפס, אפאר סארטן פיש און אזוי ווייטער, אלעס צוגעשטעלט פון העכסטן קוואליטעט. ביי דער סעודה האבן אפאר פון די באטייליגטע געזאגט תורה פארן עולם, איינער האט גערעדט אויף דער פרשה, א צווייטער האט פארציילט א מעשה פון בעל שם טוב, עס איז געווען אנגענעם און געשמאק."

צוויי 1200 פונטיגע ים-עלעפאנטן שלאגן זיך ארום אויפ'ן פענגווין אינזל

א מאטאר-שיפל פול מיט חרד'ישע אידן

די שבת'דיגע רקידה'לע, אפגעכאפט דורכ'ן שיפ'ס גוי'אישן פאטאגראפירער מדעת עצמו

די סעודה האט זיך געענדיגט אביסל פאר איינס אזייגער, און... ווי נאר דער זייגער האט געקלאפט אויפ'ן איינסער האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית. עס הערט זיך אינטערעסאנט, אבער צוליב דער גאר קורצער נאכט איז דא זייער ווייניג צייט צווישן די שקיעה און די נץ. "איין טאג האבן מיר געדאווענט מנחה, מעריב און שחרית איינס נאכ'ן צווייטן."

צופרי 10:30 האט דער עולם זיך צאמגענומען צום ליינען. מען האט געליינט די תורה, פארקויפט עליות, איינער האט געקויפט פאר'ן צווייטן, דער צווייטער האט צוריקגעקויפט, די שטימונג איז געווען אויפגעהייטערט. די עליות האבן זיך פארקויפט פאר טייער געלט און די נדבות גייט צו דער ארגאניזאציע פון וואו מיר האבן געבארגט דעם ספר תורה. נאכדעם האט מען געדאווענט מוסף און זיך געזעצט צו א רייכן קידוש וואס האט נאכגעפאלגט מיט א גרויסע סעודה.

אנדערש ווי ביינאכט איז די וועטער צופרי געווען זייער קלאר. בשעת די צופרי סעודה איז די שיף אנגעקומען נאנט צו יבשה און עס האבן זיך אנטפלעקט מאסיווע אייזבערג און די הויכע פארשנייטע אנטארקטיקע בערג. פון וואסער זענען יעדע פאר מינוט ארויסגעקומען וואלפישן. ביי די סעודה האט זיך יעדע פאר מינוט געהערט אויסרופן "א וואלפיש!", דער גאנצער עולם האט אינסטינקטיוו אראפגעלייגט דעם לעפל, געלאפן קוקן, געווארן באגייסטערט, און צוריק צו די טשאלנט.

שלש סעודות איז באשטאנען פון א געהעריגער סעודה, ווייל מוצאי שבת איז ערשט געווען איינס אזייגער ביינאכט. איינס אזייגער האט מען געדאווענט מעריב, געמאכט הבדלה און געדאווענט שחרית און נאכדעם זיך געזעצט צו א גרויסע מלוה מלכה... "די זמנים זענען אזוי פארדרייט דארט אז עס קומט אויס זייער אינטערעסאנטע סיטואציעס וואס מאכן זיך נישט ערגעץ אנדערש. איך מיין אז אין דער היסטאריע פון אידישקייט האט נאך קיינער נישט געמאכט אזא געמישעכץ פון מעריב-הבדלה-שחרית-מלוה-מלכה..."

אין דער צייט וואס זיי האבן פארברענגט א רואיגן שבת איז די שיף דאס ערשטע מאל אנגעקומען צו א דעסטינאציע וואו די וועטער האט ערלויבט אראפצוגיין זען דעם אויבערשטנ'ס וואונדער. "דער קידוש השם איז געווען געוואלדיג," שטאלצירט משה. "די גויים האבן אונז ממש נישט פארשטאנען: מען צאלט ריזיגע געלטער, צייט און כוחות זיך אראפצושלעפן קיין אנטארקטיקע, און ענדליך ווען מען קומט שוין אן גייט מען נישט אראפ פון שיף צוליב רעליגיעזע געזעצן? עס איז געווען זייער אינטערעסאנט פאר זיי, אבער זיי האבן עס שטארק רעספעקטירט.

"מיר האבן בכלל נישט געשפירט ווי מיר פארפאסן עפעס," שילדערט דער איניציאטאר זיינע שבת'דיגע געפילן. "מיר האבן געוואוסט אז היינט איז שבת, מיר האבן געשפירט אין א געוויסן זין אז מיר זענען אויף פיל א העכערע מדריגה ווי זיי. שבת נאכמיטאג ווען מיר זענען ארויף אויפ'ן דעק פון שיף האבן מיר געקענט זען פון אונטן די קליינע מאטאר-שיפלעך מיט וואס די גויים פארן ארום איבער די וואסער, זיי האבן געוואונקען צו אונז און מיר איז געבליבן צו באטראכטן דעם אתה בחרתנו. דער קאנטראסט איז געווען מורא'דיג ווי זיי פארן ארום אנגעטון מיט די גאנצע 'אנטארקטיקאנער לבוש' און מיר שטייען אויף דער שיף מיט די שטריימלעך און בעקיטשעס מיט די גרעסטע שלוות הנפש."

[3]
אנטארקטיקע!

צוואנציג טויזנט פענגווינען

זונטאג פרשת ויחי, אכט אזייגער אינדערפרי: די 51 היימישע אנטארקטיקאנער קענען ענדליך אראפגיין צו אנטארקטיקע צום ערשטן מאל. די שיף האט ארויסגעלאזט די מאטאר שיפלעך און מען איז צוגעפארן צו א הערליכן אינזל.

דער ערשטער אפשטעל איז געווען ביי א קאלאניע וואו עס וואוינען טויזנטער פענגווינען, "מיר האבן געהאט מיט אונז אלע ערליי סייענטיסטן וואס קומען פארשן פארשידענע וויכטיגע ווי אומוויכטיגע זאכן אויף דעם קאנטינענט. געוויסע פון זיי האבן א מיסיע אפצוציילן אלע פענגווינען פון דער וועלט, דאס ברענגט זיי צו פארשידענע מסקנות איבער דאס געזונט פון די וואסער און אנדערע זאכן. זיי האבן מיר שפעטער דערציילט אז אין דעם קאלאניע אליין האבן זיי אפגעציילט צוואנציג טויזנט חברה!"

ווען מען קומט צו פארן מיט דער שיף אהין זעט מען נאכנישט קיין פענגווינען, אנשטאט זעט מען א ריזיגע שווארצע פלעק אינמיטן די בערג. דעם פלעק קען מען אפילו זען פון ספעיס! קומענדיג נענטער אהין זעט מען אז דאס איז נישט קיין פלעק נאר טויזנטער אינדיווידועלע פענגווינען וואס לעבן און טאנצן באחדות.

ווען מען קומט אן מיט די מאטאר שיפלעך איז זייער שווער ארויפצוגיין אויף דער יבשה ווייל עס איז באדעקט דארט מיט זייער טיפע שניי. די שיף באאמטע האבן געדארפט אויספארעמען טרעפ אין די שניי אויף וואס מען איז ארויף, און פון דארט האט יעדער נאכגעפאלגט די טריט פון זיין חבר ביז עס איז געווארן א שטיקל אויסגעטראטענע וועג. "אינמיטן וועג האט זיך פלוצלינג אנגערוקט א ים-עלעפאנט", דערמאנט זיך אונזער בעל מספר א זיסע קרישקעלע, "ער האט זיך געלייגט שלאפן פונקט אויפ'ן אויסגעטרעטענעם וועג... מיר האבן אים נישט געוואלט שטערן פון זיין נאפעץ, נאך אלעם איז ער בעה"ב דא, מיר זענען דאך זיינע געסט. האבן מיר געמאכט א פרישן וועג וואס קרויזט אים אויס. עס האט אבער נישט גענומען לאנג

דער מאסיווער פענגווין קאלאניע

בעפאר ער האט זיך אריבערגערוקט צום נייעם וועג און אפגעמאכט אז דארט וועט אים זיין באקוועמער... אין אנטארקטיקע דארף מען מיטארבעטן מיט די לאנגיעריגע איינוואוינער.

"מען האט אויסגענוצט די צייט צו באטראכטן דאס לעבן פון די פענגווינען. די לעבעדיגע חברה זענען גאר זיס, און ווען מען זעט טויזנטער פון זיי צוזאמען איז עס א מחזה. מיר האבן געזען ווי פענגווינען גייען צוזאמען אריין אין זייער נעסט, אנדערע טאנצן אריין אין וואסער צו כאפן פיש פאר מיטאג. דער וועג וויאזוי זיי געבן זיך אן עצה מיט די טיפע שניי איז אז זיי געבן זיך א לייג אראפ אויפ'ן בויך און גליטשן זיך אראפ זארגלאז, א ספעקטאקל פאר זיך.

"מיר האבן בייגעוואוינט די הארצרייסנדע סצענע ווען די פענגווינען ווערן בא'גנב'עט פון זייערע אייער," דערציילט משה מיט מיטגעפיל. "עס איז דא א פייגל וואס הייסט די סקוע (Skua), זיי עסן פענגווין אייער. שטייענדיג אויפ'ן אינזל האבן מיר פלוצלינג געהערט קולות און נאכגייענדיג דעם קול האבן מיר געזען ווי א סקוע שטייט ביי א פענגווין נעסט און דראעט צו פארכאפן די אייער. די פענגווינען קענען גאר נישט טון אין אזא פאל, זיי קענען נישט פליען און זיי ווייסן אז אין כוחנו אלא בפה, זייער איינציגסטע וועג אפשר צו ראטעווען די אייער איז מיט שרייען. די פענגווינען שרייען און דאס פייגל קוויטשעט צוריק, עס קוקט אויס ווי דער וואס שרייט העכער וועט זוכה זיין אין די טייערע אייעלעך.

"למעשה האט דער פייגל, ווי אייביג, פארכאפט די אייער און אפגעפלויגן ווייט אוועק עס צו עסן מיט א רואיגקייט. די פענגווינען זענען פארבליבן אויף זייער פלאץ פארביטערט און צעבראכן, זיי גייען נישט קענען לייגן נאך אייער ביז קומענדיגן יאר."

שפעטער אין טאג האט מען זיך ארייגעזעצט אין די מאטאר שיפלעך און אנגעהויבן ארומפארן איבער די וואסער צו טרעפן אינטערעסאנטע זאכן. דא זעט מען א ים-עלעפאנט שלאפן אויף אן אייז בארג, דארט קראכט א ריזיגע שטיקל אייז אראפ אריין אין וואסער. "דער קאנטינענט האט טאקע נישט קיין מענטשן" איז משה מגדיר, "אבער עס לעבט!" די אייז שטיקער פארן ארום איבער דעם וואסער, איינס פארט שנעלער און איינס שטייטער, געוואנדן אין זייער גרויס, געוויסע זענען אזוי לאנג אז עס בלייבט שטעקן אין דער ערד אונטן פונעם ים. פון צייט צו צייט געט זיך אן אייזבארג א קער איבער און מען זעט גאר אינטערעסאנטע צייכענעס אין איר וואס עס באקומט אונטער'ן וואסער.

מען זעט אייזבערג אזוי גרויס ווי בנינים, און די כוואליעס שניידן אריין אין זיי מיט קראפט. דא און דארט זעט מען כל-ערליי ים-חיות און פייגל. "דאס זיצן אין א קליין שיפל און אלעס באאבאכטן פון דער נאנט איז זייער אינטערעסאנט," זאגט משה נאך אונטער'ן רושם פון זיינע פארוויילונגען אין שויס פון נאטור.

זונטאג שפעט נאכמיטאג איז דער עולם צוריק ארויפגעגאנגען אויף דער שיף, מען האט געגעסן נאכטמאל, געדאווענט מנחה און מעריב און זיך געלייגט שלאפן, זיך אפרוען פון דעם ערשטן טאג אין דעם גיגאנטישן ערד-טייל.

א פארפרוירענע טבילה

מאנטאג צופרי נאך שחרית און א געשמאקן פרישטאג איז געקומען די מינוט ווען מען גייט פאקטיש באטרעטן אנטארקטיקאנער באדן אין ריינעם זין פון ווארט. נישט קיין אינזלען און נישט קיין שיפן, דער קאנטינענט במלוא הדרה. "בעצם איז נישט קיין גרויסע חילוק צווישן די אינזלען און דער פאקטישער קאנטינענט," ערקלערט משה דעם דיפערענץ, "בסך הכל איז עס א מיילשטיין פאר די וואס דארפן אויסמעקן זאכן פון זייער ליסטע, דהיינו, 'איך בין שוין געווען אין אנטארקטיקע'... די נאטור און די שיינקייט זענען די זעלבע, די בעלי חיים אויך, ווען מען איז אויפ'ן אינזל קען מען נישט וויסן אז מען איז נישט אויפ'ן קאנטינענט נאר אויב האט מען מיט זיך א מאפע."

דעם ערשטן אפשטעל אויפ'ן קאנטינענט האט מען געמאכט ביי א וויסנשאפטליכער באזע פון ארגענטינע. "מיר זענען אראפ פון שיף, ארויפגעגאנגען אויף די מאטאר שיפלעך צוצופארן צו דער באזע, ווען אינמיטן זעען מיר א ריזיגע גיגאנטישע וואלפיש גלייך פארנט פון אונז! מיר זענען נאך געווען שאקירט ווען מיר האבן באמערקט נאך איינס, און נאך איינס, און נאך איינס! די וואלפישן זענען רואיגע חיות,

מיין נסיעה קיין אנטארקטיקע


די סקוע פייגל קומען אן און די צוויי קעגנזייטיגע צדדים הייבן אן שרייען קולות

זיי שלאגן זיך נאך ארום

"ווער האט גע'גנב'עט די אייער?"

די פאר'יתומ'טע פענגווין טרויערט נאך דעם איי

דער סקוע מיט איר גאנצן פראכט

די באזע

א ים-עלעפאנט האט זיך געלייגט שלאפן פארנט פון א פולן מאטאר-שיפל

דער ים-עלעפאנט שלאפט פארנט פונעם שיפל

דער ים-עלעפאנט קראצט זיך

דער ים-עלעפאנט שרייט

א 'סיעל' כאפט א דרימל אויף אן אייז-בארג

די וואלפישן ביים באגריסן די רייזנדע

די וואלפישן ביים באגריסן די רייזנדע

מיר זענען
אראפ פון שיף,
ארויפגעגאנגען
אויף די מאטאר
שיפלעך צוצופארן
צום באזע, ווען
אינמיטן זעען
מיר א ריזיגע
גיגאנטישע
וואלפיש גלייך
פארנט פון אונז!
מיר זענען נאך
געווען שאקירט
ווען מיר האבן
באמערקט נאך
איינס, און נאך
איינס, און נאך
איינס! **בילד פון די
סצענע, געכאפט
מיט א דראון פון
די לופטן**

אויב זיי ווילן קענען זיי שעדיגן, זיי זענען אפאר מאל אזוי גרויס ווי די גאנצע שיף, אבער זיי טוען עס נישט.

"די וואלפישן האבן אנגעהויבן שפילן מיט אונז, זיי זענען ארויסגעקומען פון וואסער און צוריק אריין. פון מאל צו מאל האבן זיי ארויסגעשטעקט אזא צוואנציג פיסיגער פלוס-פעדער, ווי כאילו אונז צו באגריסן. די פישן זענען געווען גוטמוטיג, א האלבע שעה האבן זיי געשפילט פאר אונז בעפאר מיר זענען געגאנגען ווייטער און אנגעקומען צו יבשה, באטרעטנדיג דעם פאקטישן אנטארקטיקע קאנטינענט צום ערשטן מאל."

משה דערציילט א קאמישער עפיזאד: "שפאצירנדיג אויפ'ן קאנטינענט האט מיר אנגעכאפט א מידקייט, און זעענדיג ווי די ים-לייבן און עלעפאנטן שלאפן אזוי רואיג אויף די שניי האב איך אפגעמאכט אז אויב זיי מעגן מעג משה הערשקא אויך... איך האב מיר אויסגעגראבן א באקוועמע לאך אין די שניי, און זיך געלייגט שלאפן. די פענגווינען האבן זיכער נישט געהאט קיין פראבלעם דערמיט, ווייסט פון וואו איך ווייס? ווייל זיי זענען ארומגעשפרונגען ארום מיר און כמעט אויף מיר מיט א נאטירליכקייט ווי גארנישט זאל זיי נישט שטיין אין וועג... למעשה האב איך געכאפט א געזונטן דרימל פון 45 מינוט בעפאר איך האב מיך אויפגעכאפט צו א גרופע פון די רייזנדע וואס כאפן בילדער און לאכן אויף מיין חשבון..."

דארט האט מען אויך געזען אן אינטערעסאנטע ספעקטאקל ווען א גרופע פענגווינען האבן זיך אויסגעשטעלט אין א לאנגע גראדע שורה, איינער הינטער'ן צווייטן מיט א פענגווינער פינקטליכקייט און ישרות און איינער נאכ'ן צווייטן זענען זיי אריינגעשפרונגען אין וואסער. "עס איז געווען זייער זיס און קאמיש צו זען ווי זיי שטייען געדולדיג און גייען איינער הינטער'ן צווייטן ווי קינדער אין חדר."

דא האט מען אויך געמאכט עפעס וואס איז באקאנט אלס "די פאולער פלאנדזש", אין אידיש: מען פארשטאפט די נאז און מען שפרינגט אריין אינעם אקעאן. איין זאך נאר, דאס וואסער איז קאלט, אבער קאלט! "ווען מיר זענען אריינגעשפרונגען איז די וואסער טעמפעראטור געווען 28 דעגריס. דאס איז

אפאר חברה פון אונזער גרופע האבן אריינגעשפרונגען אין דעם וואסער... איך בין געווען א חכם, איך האב געגעבן א ווייטן שפרונג, אזוי אז נאך דעם שאק האב איך נישט געקענט גלייך ארויסקומען, איך האב געדארפט צוריקשווימען...

אפאר פונקטן אונטערן פרירונג-פונקט. די סיבה פארוואס די וואסער פרירט נישט איז ווייל עס האט זאלץ און דאס נידערט די פרירונג-פונקט מיט אפאר דעגריס.

"אפאר חברה פון אונזער גרופע, וגם אני בתוכם, האבן אריינגעשפרונגען אין דעם וואסער, און איך קען דיר איין זאך זאגן," טרעפט נישט משה די ריכטיגע ווערטער, "מיין הארץ האט זיך אפגעשטעלט פאר א מינוט! מיין קערפער איז אריין אין שאק און איך האב מיך ממש געדארפט צווינגען ארויסצוקומען. און איך בין נאך געווען א חכם, איך האב געגעבן א ווייטן שפרונג, אזוי אז נאך דעם שאק האב איך נישט געקענט גלייך ארויסקומען, איך האב געדארפט צוריקשווימען. אוי איז דאס געווען אן עבודה, מיין מוח האט געדארפט ממש צווינגען די הענט זיך צו רירן, איין מאל, נאכאמאל, נאכאמאל, ביז איך האב מיך ענדליך געטראפן אינדרויסן. דאס וואסער איז אזוי קאלט אז ווען איך בין צוריק ארויפגעקומען האט די שניי אויף דער ערד געשפירט ממשווארעם! עס האט מיר באמת אנגעווארעמט."

א סיום מסכת

מאנטאג נאכמיטאג איז דער עולם ארויף אויף דער שיף צו עסן לאנטש, און די שיף האט זיך דערווייל גערוקט צו א צווייטע לאקאציע אין אנטארקטיקע, דאסמאל א סייענטיפישע באזע פון טשילע. יענע באזע איז יא געווען אקטיוו און די וואס האבן א ליסטע פון לענדער וואס זיי באזוכן זענען געווען זייער פרייליך ווייל טעכניש גייען זיי יעצט אריין אין טשילע... די טשילע באאמטע דארט אין באזע האבן געלייגט א שטעמפל אויף יעדנ'ס פאספארט, וואס בלייבט ווי א דערמאנונג אז מען האט פאקטיש באטרויטן טשילע טעריטאריע.

דארט ביי די טשילע באזע איז גאנץ א נידריגע פלאץ אין אנטארקטיקע, די שניי צעלאזט זיך דארט פריער אינעם סעזאן און וועגן דעם קומען דארט אן טויזנטער פענגווינען צו מאכן זייער נעסט, ווייל כדי צו מאכן זייער נעסט מוזן זיי האבן ערד, זיי קענען עס נישט מאכן אויף דער שניי. "עס איז אזוי פול מיט פענגווינען דארט אז מען קען כמעט נישט גיין א טריט אן טרעטן אויף איינס."

דאס פלאץ איז פול מיט פענגווין נעסטן. זייער נעסט ווערט צאמגעשטעלט פון שטיינער, עס ארבעט אז די נקיבה זיצט אויף איר פלאץ און דער זכר ברענגט א שטיין און ווייזט עס פאר איר, אויב האלט זי דערפון לייגט מען עס צו צום נעסט און אויב נישט שיסט זי עס צוריק אין

דער קאנאדישער פרעמיער מיניסטער

"אויב איר וואלט מיר געפרעגט א יאר צוריק וואו איך גיי זיין אין א יאר וואלט 'שטיין אויף א ווינקל אין די פאלקלאנד אינזלען אויסלערנענדיג א געוועזענעם קאנאדישן פרעמיער מיניסטער אידיש' זיכער נישט געווען מיין ענטפער." דאס איז א ציטאט פון משה הערשקא וואס ער האט פארשריבן נאך זייענדיג אויף די פאלקלאנד אינזלען אין שאק פון זיין אומגערישטער איבערראשונג.

אזוי אומגלויבליך ווי עס הערט זיך איז אויף דער זעלבער שיף אויך געווען דער פריערדיגער קאנאדישער פרעמיער מיניסטער סטיווען הארפער. "ער איז א משונה'דיגער אוהב ישראל," זאגט הערשקא, "ער איז א 'מענטש'; אפילו מענטשן וואס האבן נישט ליב געהאט זיינע פאליטישע אנשויאונגען האבן אים ליב אלס אים אליין."

"וויאזוי זאגט מען How are you אין אידיש?" האט דער פרעמיער מיניסטער וויכטיג געוואלט ויסן... "וואס איז נייעס" האט ער שוין אמאל געהערט, אבער "וואס טוט זיך" און "וואס מאכסטו" האט ער קיינמאל פריער נישט געוואוסט...

"ווען מען גייט אראפ פון שיף מיט די קליינע שיפלעך," פארציילט משה, "איז דא אן איינגעשטעלטער סיסטעם זיכער צו מאכן אז עס ווערט נישט קיין באלאגאן. עס ארבעט אז יעדע שטאק פון די שיף גייט אראפ צוזאמען, און יעדע מאל גייט אן אנדערע שטאק ערשט, און די וואס גייען ערשט קומען צוריק ערשט. מיר האבן אויסגעשטעלט אז אונזער גרופע זאל קענען גיין צוזאמען, כאטש וואס אונזערע שטיבער זענען געווען צעשפרייט איבער אלע שטאקן האבן מיר אבער ווי כאילו געמאכט א שטאק פאר זיך.

"עס איז אויסגעקומען אז אין אונזערע מאטאר שיפלעך זענען רוב מענטשן געווען אידן, חוץ סטיווען הארפער... ער האט זיך פארליבט אין אונזער גרופע און האט זיך צוגעשטעלט צו דער קבוצה, ער איז כמעט יעדע מאל געגאנגען מיט אונז און כמעט אלעמאל האב איך אים געהאט אויף מיין שיף. ער איז א געשמאקע בריאה..."

"ער האט נישט געהאט קיין שום זיכערהייט וועכטער אדער אנדערע מאסנאמען, ער איז געקומען אלס פשוט'ער טוריסט און פארהאן גענוג מענטשן פון דער שיף וואס ווייסן נאכאלץ נישט אז סטיווען הארפער איז דארט געווען. איך בין יא געוואויר געווארן גלייך אין אנהייב אז ער איז דא, און ביים ערשטן נאכטמאל אויף דער שיף בין איך צוגעגאנגען צו אים צוזאמען מיט מיין שותף דען פון דענס דיעלס. מיר האבן זיך פארגעשטעלט פאר אים און געזאגט אז מיר זענען דא מיט א גרופע אידן, מיר ווייסן אז ער איז א גרויסער אוהב ישראל און עס איז אונזער גרעסטע כבוד צו זיין מיט אים צוזאמען. ער האט זייער הנאה געהאט דערפון און אונז מכבד געווען צו כאפן בילדער מיט אים.

"אונזער קאנאדישער קעכער איז געווען באזונדער פרייליך מיט אים, ער איז צוגעגאנגען צו אים מיט א טאץ פון עסן און זיי האבן געמיטליך געשמועסט. איך האב נישט פארשטאנען וואס זיי רעדן אין זייער שפראך אבער זיי האבן ארומגעלאכט, דאס איז א גוטע סימן. מיר האבן אויך געהאט צוויי גרויסע עסקנים אויף דער שיף,ביידע האבן באזונדער פארפירט מיט אים לאנגע און ערנסטע שמועסן; וואס זיי האבן גערעדט ווייס איך נישט, אבער עס האט אויסגעזען צו זיין פראדוקטיוו.

"די צווייטע אדער דריטע נאכט נאך מעריב זענען מיר געשטאנען אין א גרופע און געשמועסט ווען דער פרעמיער מיניסטער איז פונקט דורכגעגאנגען. מיר האבן זיך באגריסט און ער האט זיך אפגעשטעלט געשמאק שמועסן מיט אונז פאר א גוטע צוואנציג מינוט. עס איז נישט געווען כאילו ער איז דער פרעמיער און מיר רעדן צו אים, עס איז געווען א גוטמוטיגער פריינטליכער שמועס צווישן ציווילע חברים.

"ער האט אונז פארציילט אז ער שטייט היינט אין שפיץ פון א קאמיטע וואס איז שטארק לטובת ארץ ישראל און לטובת אידישע באדערפענישן. מען האט גערעדט איבער פארשידענע ענינים העומדים על הפרק און ער האט געלאזט הערן זיינע מחשבות.

"איינס פון אונזערע חב"ד'סקע מיטרייזנדע האט אים געגעבן א קאפל, ער האט עס אנגעטון און געבליבן דערמיט דורכאויס דעם גאנצן טאג... ער האט הנאה געהאט דערפון.

"אפאר טאג שפעטער האבן מיר זיך נאכאמאל געטראפן, מיר האבן געשמועסט און ער האט באוואונדערט ווי הויך איך בין (6'8") און ער האט זיך געמאסטן מיט מיר צו זען ווער עס איז העכער. ער איז געווען זייער צוגעלאזן די גאנצע צייט."

אויף אונזער פראגע צו משה אויב ער פלאנט אמאל צו נוצן דעם קשר ענטפערט ער אז נישט: "איך וויל נישט אז קומענדיגע מאל ער זעט א איד זאל ער דארפן היטן פון רעדן מיט יענעם ווייל עס וועט אים נאכדעם טייער קאסטן. סתם אזוי זע איך נישט פארוואס ער זאל נאכגעבן מיינע געבעטן בלויז צוליב וואס מיר האבן געוויילט אויף דער זעלבער שיף פאר אפאר טעג." ■

דער פענגווין כאפט א שטיינדל פאר די נעסט

לאמיר האפן אז זי גלייכט עס!

ר' משה פאשקעס, האט א ציל צו מאכן א סיום מסכת אויף יעדן קאנטינענט פון דער וועלט, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און מסיים געווען מסכת תענית בשעת פענגווינען שפרינגען פון הינטערוויילעכץ

פנים. "עס טוט זיך דארט געפערליכע גניבות," לאכט משה, "עס איז שוין נישטא צופיל פרישע שטיינער פארבליבן און דער עולם גנב'עט איינער פונעם צווייטנ'ס נעסט, יעדע שטיין לויפט יעדע פאר מינוט פון איין נעסט צום צווייטן און צום דריטן און צוריק, דער זכר לאקערט און ווען די קאנקורירנדע פענגווין זעט נישט געט ער א כאפ א שטיינדל און ווערט אנטרינען פון דער סצענע, אפאר מינוט שפעטער ווערט מקויים דער כאשר זמם ווען שטיינער פון זיין נעסט ווערן פארשוואונדן אויף דעם זעלבן וועג." פענגווין דאגות...

"מיר האבן געזען דארט ריזיגע ים-לייבן שלאפן אויף די שניי און פענגווינען טאנצן ארויף אויף זיי לוסטיגערהייט. עס האט נישט אויסגעזען ווי די ים-לייבן האבן א פראבלעם דערמיט, זיי האבן רואיג געשנארכעצט ווי נישט זיי מיינט מען...

"ווייילנדיג 'אין טשילע' האבן מיר געמאכט א מנין מנחה, ווארשיינליך די ערשטע תפילה מיט מנין אויף דעם קאנטינענט. דער מצב איז געווען זייער געהויבן און עס האט נאכגעפאלגט מיט די ערשטע סיום מסכת אין דעם פאר'פענגווינ'טן לאקאל. איינער פון די משתתפים, ר' משה פאשקעס, האט א ציל צו מאכן א סיום מסכת אויף יעדן קאנטינענט פון דער וועלט, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און מסיים געווען מסכת תענית בשעת פענגווינען שפרינגען פון הינטערוויילעכץ."

"אויפ'ן וועג צוריק צו דער שיף האבן מיר פארנדיג מיט די מאטאר שיפלעך געזען אינמיטן וואסער א ריזיגע שווארצע בעל חי שווימען. דער דרייווער פון אונזער שיפל איז א פארשער און ער האט געוואוסט דעם נאמען פון יעדן בעל חי וואס מיר האבן געזען, אבער דאס האט ער נאך קיינמאל נישט געזען. איך האב געקוקט מיט מיינע פאטאגראפיע מאשינדלעך, ער האט געקוקט מיט א שפאקטיוו, אבער מען האט נישט געקענט כאפן וואס אין דער וועלט דער מאנסטער איז. ער קומט כסדר קיין אנטארקטיקע און ער האט נאך קיינמאל אזאנס נישט געזען.

"צופארנדיג נענטער האבן מיר געזען אז דאס איז נישט איין גרויסע באשעפעניש נאר א צאמשטעל פון הונדערטער פענגווינען איינער אריינגעקוועטשט אינעם צווייטן וואס שווימען צוזאמען! שפעטער האבן מיר נאכגעקוקט און עס איז עפעס וואס זיי טוען פון מאל צו מאל.

"בעפאר מיר האבן זיך געהעריג אריענטירט פון דער וואונדערליכער מחזה האבן מיר באמערקט נאך אזא גרופע, און דערנאך א דריטע! דריי גרופעס וואס מאכן אויס צוזאמען טויזנטער פענגווינען שווימען צוזאמען אויפ'ן אקעאן ווי דער ים איז זייערס. עס האט פארכאפט דעם אטעם."

רוח סערה

מאנטאג נאכט איז געקומען די צייט זיך צו געזעגענען און זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג צוריק. דער עולם קומט ארויף אויף דער שיף און דער קאפיטאן רופט אויס אומגינסטיגע נייעס: "אויפ'ן וועג אהער האבן מיר טאקע געהאט א רואיגע רייזע, אבער יעצט קוקט דער מצב נישט אויס צו גוט." מען האט זיך געמאכט גרייט מיטצולעבן די פולע אנטארקטיקע ערפארונג, מיט וואלן העכער צוואנציג פיס און א רייזע וואס שאקלט אויף אלע אינערליכע געדערים.

משה כאפט א נאנטן בילד פון א סקוע פייגל
וואס ווייסט נישט פון קיין דאגות

אין בעפארגרייטונג צו א ווילדן "דריעק שעיק" האט מען אויסגעלאשן די עלעוועטארס, יעדער האט געדארפט זיכער מאכן אז קיין שום חפץ ליגט נישט ארום סתם אזוי, אלעס האט געדארפט זיין פארמאכט און צוגעבינדן. יעדער נעמט די מעדיצינען וואס דארפן העלפן דורכמאכן די איבערלעבעניש, און מען לאזט זיך ארויס צום אפענעם ים.

"די מעשה ווערט נאך בעסער. צו אונזער מזל איז דינסטאג געווען עשרה בטבת ווען מיר דארפן פאסטן. און נישט סתם פאסטן, מען דארף פאסטן 24 שעה צוליב דער קליינער נאכט און גרויסן טאג וואס איז דא אין דעם טייל פון דער וועלט. און יעצט הערט מען אז דינסטאג גייט מען זיין אין די סאמע 'דריעק שעיק' מיט אלע אירע קאלירן."

מאנטאג נאכט האט מען געגעסן נאכטמאל, מען האט איינגעפאסט, מען האט געדאוונט מעריב און גלייך נאכדעם שחרית, און מען איז געגאנגען שלאפן מיט דער האפענונג פאר א גרינגן תענית.

די האפענונג האט זיך נישט אויסגעלאזט פינקטליך ווי דער עולם האט געוואלט, מען האט געבראכן און זיך נישט גוט געשפירט, עס איז געווען א מצב פון יעלו שמים ירדו תהומות, די שיף איז געטאנצן און געשפרונגען ארויף און אראפ מיט א ווילדקייט, מען האט קוים געקענט שטיין גראד.

מוצאי תענית זענען פארבליבן בלויז 15 פון די 51 מענטשן וואס האבן נאך געדארפט אויספאסטן, די איבעריגע האבן אזוי שלעכט געשפירט אז אנרופנדיג זייער רב האט מען זיי אנגעוויזן צו אויספאסטן פריער צוליב זייער מצב.

מיטוואך איז שוין געווען רואיגער, דאס וואסער איז שוין נישט געווען אזוי ווילד. דאנערשטאג צופרי' האט די שיף געאנקערט אין אושוואיא און עס איז געקומען די צייט זיך צו געזעגענען איינער פונעם צווייטן און מיטנעמען די גוטע זכרונות ווייטער.

[4] אנטארקטיקע פראגעס

■ פלאנט איר צו גיין נאכאמאל קיין אנטארקטיקע?

יא, אי"ה, איך וויל עס מאכן נאכאמאל. עס איז געווען א געוואלדיגע סוקסעס און עס איז פארהאן גאר א גרויסע פארלאנג.

■ מען דארף נישט מורא האבן פון די בעלי חיים וואס געפינען זיך אויפ'ן קאנטינענט?

רוב בעלי חיים ווילן שעדיגן מענטשן ווען זיי שפירן זיך באדראעט פון זיי. די בעלי חיים פון אנטארקטיקע האבן נאך קיינמאל קיין מענטשן נישט געזען, זיי זענען נאך קיינמאל נישט געטשעפעט געווארן פון מענטשן, און זיי האבן נישט מורא אז מיר וועלן זיי עפעס טון. אלס רעזולטאט טוען זיי גארנישט זיך צו פארהיטן פון אונז.

די בעלי חיים זענען אונז ווי א גאר אינטערעסאנטע און אומבאקאנטע באשעפעניש וואס איז דא אנגעקומען. זיי קוקן אויף אונז מיט אינטערעסע בעפאר זיי גייען צוריק צו זייער סדר היום. מיר האבן געהאט פייגלעך וואס זענען געקומען גאר נאנט צו אונז, עפעס וואס פאסירט נישט אין ערגעץ, די סיבה איז ווייל זיי זענען נישט באזארגט פון אונז און זיי ווילן פשוט באטראכטן די מאדנע צוויי-פיסיגע באשעפעניש וואס הייסט מענטש.

מיר האבן איינס פון די טעג אנגעטראפן א ים-לייב שלאפן אויף די שניי. ווען מיר זענען אנגעקומען האט ער זיך אויפגעוועקט, געקוקט אויף אונז, געמאכט א הויכן שנארכע און זיך צוריקגעדרייט אויף דער אנדערער זייט, וישן ויחלום שנית.

אפילו די מאנסטערישע אכציג-פיסיגע וואלפישן טוען גארנישט. מיר האבן זיך פאקטיש ארומגעשפילט מיט אפאר פון זיי זייענדיג אויפ'ן קליינעם מאטאר שיפל, מיר האבן נישט מורא געהאט ווייל מיר האבן געוואוסט אז זיי זענען נישט אינטערעסירט צו שעדיגן מענטשן, זיי ווייסן נישט וואס מיר זענען בכלל, זיי ווייסן נישט וויאזוי אונז צו עסן...

■ אין אנטארקטיקע פאלט כסדר ריזיגע אייז שטיקער אריין אין וואסער, דארף מען נישט מורא האבן אז אזא מאנסטער וועט אנטרעפן די שיף?

די שיף האלט זיך ווייט פון סיי וועלכע אייז-בארג, אזוי אז אפילו אויב פאלט אריין א שטיקל וועט עס נישט אנטרעפן דער שיף. אייזבערג דרייען זיך איבער פון צייט צו צייט, און דאס שטיקל וואס מען זעט אויפ'ן וואסער איז גאר א קליינע טייל פון דעם פאקטישן ריז וואס איז פארהוילן אונטער'ן וואסער. די שיפן האלטן זיך ווייט פון די בערג צוויי מאל אזוי ווייט ווי גרויס דער בארג איז, כדי אז ווען עס דרייט זיך איבער זאל עס נישט שעדיגן די שיף.

די שיף איז אויך געבויט אויף א וועג אז אויב קלאפט עס אן אין אייז פאסירט גארנישט און די אייז ווערט צעמאלן פון דער שיף. דאס העלפט אז אויב האקט מען אריין אין אן אייזבארג זאל מען נישט אנקומען דארט וואו דער טיטאניק איז אנגעקומען.

■ וויאזוי איז געווען טעלעפאן סערוויס אין דעם נידריגסטן טייל פון דער וועלט?

טעלעפאן סערוויס איז געווען גאנץ פיין, עס ארבעט דורך סאטעליט. עס האט נישט געהייסן אז עס וועט זיין געהעריגע אינטערנעט סערוויס, אבער בלויז אפאר וואכן פריער האט מען אינסטאלירט אין דעם שיף א געוויסע סאטעליט מעכאניזם און עס איז געלונגען, עס האט געארבעט. מיר האבן געהאט א שטיקל נס חנוכה מיט די סערוויס, אפיציעל דארף מען צאלן 10 דאלאר א טאג צו האבן סערוויס, אבער מיר האבן געצאלט נאר איין מאל און עס האט געארבעט פאר אכט טעג...

■ איז וואר אז חב"ד'סקער חסידים האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו דרוקן א תניא אין אנטארקטיקע?

ניין! איך האב געהערט די שמועה וואס קורסירט ארום, עס איז אבער נישט אמת. עס איז געווען איינער וואס האט געטראכט פון דרוקן איינס אויף די פאלקלאנד אינזלען אבער עס האט זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט. אפאר יאר צוריק, ביי אן אנדערער נסיעה האט מען יא געדרוקט א תניא דארט, לויט ווי איך הער.

■ וויאזוי ווייסט מען אז יעדער איז שוין צוריק אויף דער שיף און מען לאזט קיינעם נישט איבער אויף אנטארקטיקע?

יעדער וואס גייט אראפ פון שיף האט א קארטל וואס ווערט געסקענט. ווען מען קומט ארויף סקענט מען נאכאמאל און מען גייט נישט ווייטער ביז יעדער איז צוריק. ב"ה ביי אונז האט זיך קיינמאל נישט געמאכט מען זאל דארפן ווארטן ווייל איינער איז נישטא.

■ ווי שנעל פארט די שיף?

די מאקסימום שנעלקייט וואס די שיף קען פארן איז 16 נאטס, דאס קומט אויס 18.5 מפ"ש. מיר זענען אבער געפארן אביסל שטייטער פון דעם ווייל אזוי איז די רייזע מער סטאביל.

■ ווען האט מען אויסגעטראפן די עקזיסטענץ פון אנטארקטיקע?

עס איז נישטא קיין קלארן תירוץ אויף דעם אבער אין די אנהייב אכצן הונדערטער יארן האט דער ערשטער מענטש באטרעטן אנטארקטיקע. עס איז פארהאן א לעגענדע אז די ערשטע רמז צו מענטשהייט איבער די עקזיסטענץ פון נאך א שטיקל יבשה איז געקומען אין פארעם פון אן אייזבארג וואס איז אנגעקומען צו ארגענטינע מיט א שטיינדל דערויף. מען האט אלץ געזען אייזבערג קומען פון יענער ריכטונג אבער עס איז קיינמאל נישט באשטעטיגט געווארן וואס עס געפינט זיך דארט אונטן. דאס שטיינדל האט אנגעדייטעד אז די אייז האט שוין ערגעצוואו געזען לאנד.

■ צי ווייסט איר אויב עס זענען שוין געווען אידן אויף אנטארקטיקע בעפאר אייך?

יא, עס זענען שוין געקומען היימישע אידן קיין אנטארקטיקע מיט א שיף אין די ניינציגער יארן, עס איז אבער נישט געווען אזוי ארגאניזירט ווי ביי אונז. זיי זענען נישט געקומען מיט א מנין, ווי ווייט איך ווייס זענען מיר געווען דער ערשטער מנין אויף דעם קאנטינענט. ■

ווייסע בערן אין צפון

אז מען רעדט פון משה הערשקא און זיין לעצטיגע רייזע צום דרום שפיץ פון אונזער וועלטל קען מען נישט פארגעסן אז מיט דעם איז ער געווארן פון די ערשטע היימישע אידן וואס האבן שוין באזוכטביידע שפיצן פון דער וועלט. פאקטיש האט ער שוין צוויי מאל באזוכט דעם צפון שפיץ פון דער וועלט, דארט איז אויך אלעס פארשנייט, אבער די גאנצע ארום איז פיל אנדערש, אנשטאט פענגווינען וואוינען דארט גרויזאמע פאולער בערן. אין אנטארקטיקע איז ביי זיין באזוך געווען צווישן דרייסיג און פערציג דעגרי בשעת וואס ביי די נסיעות צו די צפון זייט האט מען געלעבט אין וועטערס פון 40 אונטער זערא.

'לאנגיערביען', א דערפל אין סוואלבארד, וואס באלאנגט פאליטיש פאר נארוועגיע, איז טעכניש די העכסטע שטאט אין דער וועלט "אויב עס קען אנגערופן ווערן שטאט," דרוקט זיך משה אויס, "עס איז סך הכל אפאר בלאקס מיט הייזער, עס וואוינען דארט ארום צוויי טויזנט מענטשן." דער פאקטישער קוטב הצפוני, די נארט-פאול, איז אויפ'ן וואסער, לאנגיער איז אבער דאס שטיקל יבשה וואס איז די נענטסטע אהין, און חוץ פאולער בערן מיט שניי איז דאס פלאץ פוסט.

מען טאר נישט ארויסגיין פון שטאט אליין צוליב די סכנה פון פאולער בערן. די ווייסע בערן זענען פון די איינציגע בעלי חיים וואס האבן ליב צו עסן מענטשן, און דער מאכל בן אדם איז ביי זיי א לכתחילה, נישט ווי ביי אנדערע ווילדע חיות וואס הרג'ענען מענטשן נאר ווען זיי שפירן אז דער מענטש איז א סכנה פאר זיי.

עס איז נישט קיין זעלטענע זאך טוריסטן זאלן גע'הרג'עט ווערן פון די פאולער בערן, עס פאסירט יעדע שטיק צייט. אז מען גייט אהין דארף מען זיין צוגעגרייט, וויסן אין וואס מען גייט אריין, און וויסן וויאזוי זיך אכטונג צו געבן.

די ערשטע און וויכטיגסטע זאך איז ביקסן. אין סוואלבארד האט יעדער מענטש א ביקס, אויף אזוי ווייט אז מען זאגט א ווערטל אז סוואלבארד איז דער איינציגסטער פלאץ אויף דער וועלט וואו מען קען אריינגיין אין באנק מיט א פארמאסקירטע פנים און א ביקס און מען וועט נישט ווערן ארעסטירט... דאס איז די נארמע דארט צוליב די געפערליכע קעלט און די פאולער בערן וואס גלייכן אונזער פלייש.

משה ווייסט צו פארציילן אז דער ביקס אליין איז נישט גענוג, מען דארף וויסן וואס צו טון דערמיט: "דער קאפ פון א פאולער בער איז אזוי שטארק אז ווען מען שיסט זיי אין קאפ וועט דער קויל צוריקטאנצן צום שיסער. כדי זיי בייצוקומען דארף מען גוט צילן גלייך צום הארץ, און מען האט בלויז איין שאנס עס צו טון ריכטיג.

"מיר זענען געגאנגען מיט געלערנטע טור-גיידס וואס האבן געהיטן פון די פארציקנדע מענטשן-פרעסער. מיר האבן געהאט א ציל דוקא יא צו טרעפן פאולער בערן, פונדערווייטנס, און זיי צו פאטאגראפירן. ביי מיין ערשטע נסיעה אהין, אין תשע"ו, בין איך געגאנגען מיט א גרופע פון 5 מענטשן און מיר האבן געטראפן 4 הערליכע פאולער בערן. ב"ה מיר האבן געכאפט שיינע בילדער און זיי זענען נישט געקומען גענוג נאנט מיר זאלן דארפן זארגן פאר אונזער זיכערהייט. ביי דער צווייטער נסיעה, אפאר חדשים צוריק, בין איך שוין געגאנגען מיט א גרעסערער גרופע, אבער צו אונזער שלעכטן מזל האט זיך נישט באוויזן קיין איין פאולער בער פאר אונזערע אויגן...

"ביי אונזער צווייטע נסיעה בין איך געגאנגען מיט א מנין אידן. מיר זענען לויט אלע ווארשיינליכקייטן געווען דער ערשטער מנין אויף דעם צפון שפיץ פון דער וועלט," שטאלצירט משה מיט זיין דערגרייכונג.

"נאך א גאר אינטערעסאנטע זאך וואס מען זעט אויפ'ן צפון שפיץ איז די גאר מיסטעריעזע קאלירפולע ליכטיגקייטן וואס פארשיינען די הימלען פון צייט צו צייט. וויסנשאפטלער ערקלערן אז דאס קומט אלס רעזולטאט פון א צוזאמענשטויס צווישן מאגנעטישע כוחות וואס געפינען זיך דארט. ■